**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/11/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער א רייע געזעצן צו אנרופן חלקים פון ניו יארק סטעיט הייוועי סיסטעם נאך וועטעראנען**

***געזעץ (S.6544C/A.6368-B) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין ערי קאונטי אלץ די "קאלינאָווסקי ברידער מעמאריעל בריק"***

***געזעץ (S.6551D/A.6363) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "מעסטער סארדזשענט טאמאס פ. מעדיסאן מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.8305A/A.9351-A) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "צווייטע וועלט קריגג ראפּאָון ברידער מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.7416B/A. 8400-B) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין קעטערעגוס קאונטי אלץ די "סטעף סארדזשענט דעיוויד טעקסטאר מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.7903B/A.9068-B) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "פוירסט ליוטענאנט סטעפען ה. דאָועין מעמאריעל בריק"***

***געזעץ (S.8085C/A.9046-B) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין אָנטאַריאו קאונטי אלץ די "ראלף קאלאבריז מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.8681A/A.8535-A) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "ספעציאליסט דזשעיסאן העסענאַוער מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.8688A/A.9653-A) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "טרופּער דזשאן דזש. לעין מעמאריעל בריק"***

***געזעץ (S.9028/A.10110) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "סארדזשענט גערי בעיקירטש מעמאריעל הייוועי"***

***געזעץ (S.8726A/A.10024-A) דעזיגנירט חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אלץ די "קאלאנעל מייקעל פלאָמער מעמאריעל הייוועי"***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן צו אנרופן חלקים פון די ניו יארק סטעיט הייוועי סיסטעם נאך וועטעראנען.

"מיר זענען שולדיג א געוואלדיג גרויסע חוב פאר ניו יארק'ס וועטעראנען וועלכע האבן זיך שטענדיג אפגערופן צו באשיצן און דינען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס אנרופן די הייוועי חלקים אין זייער נאמען העלפט אונז אנערקענען און באערן די ביישטייערונגען און מסירות נפש פון ניו יארק'ס העלדן, און עס וועט זיכער מאכן אז זייער ירושה לעבט ווייטער פאר לאנגע דורות."

א נייער געזעץ (S.6544C/A.6368-B) דעזיגנירט רוּט 16 וואס לויפט אריבער די קעזענאָוויע שטרוים אין די טאַון אָוו האלענד אין ערי קאונטי אלץ די "קאלינאָווסקי ברידער מעמאריעל בריק" (Kalinowski Brothers Memorial Bridge). דאס וועט באערן די קאלינאווסקי פאמיליע וועמען'ס פינף זין האבן געדינט אין די ארמיי קרעפטן. פּרייוועט פוירסט קלעס (Private First Class, PFC) דזשאן קאלינאווסקי האט געדינט סיי אין די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און סיי אין די נעשיאנאל גארד דורכאויס די צווייטע וועלט קריג און די קארעאנע קאנפליקט. PFC קאלינאווסקי איז געווען א מיטגליד פון די מיליטער פאליציי און האט באקומען די 'צווייטע וועלט קריג זיג' מעדאל און די 'אמעריקאנע קאמפיין' מעדאל. פּרייוועט מעטיוּ קאלינאווסקי האט געדינט אין די פאראייניגטע שטאטן ארמיי דורכאויס די צווייטע וועלט קריג. סטעף סארדזשענט טשעסטער קאלינאווסקי האט געדינט אין די פאראייניגטע שטאטן לופטוואפע דורכאויס די צווייטע וועלט קריג אלץ א ראדאר טעכניקער, צוליב וועלכע ער האט זיך פארדינט די 'צווייטע וועלט קריג זיג' מעדאל. סארדזשענט אלפרעד קאלינאווסקי האט געדינט אין די מארינס דורכאויס די קארעאנע קאנפליקט, זיך פארדינענדיג די 'זילבערנע שטערן', אן אויסלויבונג מעדאל קייטל (Commendation Medal Pendant) מיט קאמף "V", פּוירפל הארץ מעדאל מיט א גאלדענע שטערן אין פלאץ פון 2'טע אויסצייכענונג, קארעאנע דינסט מעדאל מיט 3 שטערנס, גוטע אויפפירונג (Good Conduct) מעדאל און די נאציאנאלע פארטיידיגונג דינסט (National Defense Service). סטעף סארדזשענט לענארד קאלינאווסקי האט געדינט אין די פאראייניגטע שטאטן לופטוואפע דורכאויס די קארעאנע קאנפליקט. ער איז באערט געווארן מיט די איינגענומענע לענדער (Occupation) מעדאל, נאציאנאלע פארטיידיגונג דינסט (National Defense Service) מעדאל און די גוטע אויפפירונג (Good Conduct) מעדאל. דער געזעץ איז געווידמעט צו אנערקענען די נאבעלע און העלדישע דינסט פון די פינף קאלינאווסקי ברידער.

**סטעיט סענאטאר פעטריק מ. געליוואן האט געזאגט,** "די קאלינאווסקי ברידער זענען א ביישפיל פון די בעסטע וואס אונזער לאנד האט צו אפפערן. די פינף געשוויסטער האבן געדינט אונזער פאלק אין די צווייטע וועלט קריג און אין די קארעאנע קאנפליקט, מיט פארטרעטער אין כמעט יעדע אפטיילונג פון אונזער מיליטער. די ספעציעלע דעזיגנירונג וועט העלפן זיכער מאכן אז זייער העלדישע דינסט ווערט קיינמאל נישט פארגעסן."

א נייער געזעץ (S.6551D/A.6363) דעזיגנירט סטעיט רוּט 19 אין פּייק טאַון, ווייאָמינג קאונטי, אלץ "מעסטער סארדזשענט טאמאס פּ. מעדיסאן מעמאריעל הייוועי" (Master Sergeant Thomas P. Madison Memorial Highway). דאס וועט באערן די נאבעלע און העלדישע דינסט פון סארדזשענט מעדיסאן. ער איז געווען אן אויסגעצייכנטער מלחמה העלד און וועטעראן פון די וויעטנאם קריג, און ער האט באקומען די 'קליינע וואפן עקספערט פאכמאן' שטרייף (Small Arms Expert Marksman Ribbon), NCO פראפעסיאנאלע מיליטער בילדונג שטרייף V דעווייס (NCO Professional Military Education Ribbon V Device), מענטשליכע דינסט (Humanitarian Service) מעדאל, לופטוואפע לאנגיאריגע דינסט (Air Force Longevity Service) מעדאל מיט 4 דעווייסעס, נאציאנאלע פארטיידיגונג דינסט (National Defense Service) מעדאל, וויעטנאם דינסט (Vietnam Service) מעדאל, לופטוואפע פרעזידענטליכע איינהייט ציטאציע (Air Force Presidential Unit Citation), לופטוואפע אויסגעצייכנטע איינהייט אויסצייכענונג WI דעווייס (Air Force Outstanding Unit Award WI Device), וויעטנאם העלדישקייט קרייץ (Vietnam Gallantry Cross) מיט דעווייס און וויעטנאם קאמפיין (Vietnam Campaign) מעדאל.

**סטעיט סענאטאר פעטריק מ. געליוען האט געזאגט,** "סארדזשענט מעדיסאן איז אן אויסגעצייכנטער וועטעראן פון די וויעטנאם קריג, און אונזער קאמיוניטי איז פאר אייביג דאנקבאר פאר זיין דינסט פאר אונזער לאנד. רופנדיג די בריק אין זיין נאמען וועט שטיין אלץ א פערמאנענטע אנערקענונג פון זיין איבערגעגעבנקייט און מסירות נפש."

א נייער געזעץ (S.7416B/A. 8400-B) דעזיגנירט סטעיט רוּט 394 אריבער רענדאלף טאון אין קעטערעגוּס קאונטי אלץ די "סטעף סארדזשענט דעיוויד טעקסטאר מעמאריעל הייוועי" ( Staff Sergeant David Textor Memorial Highway). סטעף סארדזשענט דעיוויד טעקסטאר האט געדינט זיין פאלק אין איראק, ווערנדיג געשיקט צו די פאראיינִיגטע שטאטן'ס קאמפאני A, 3'טע באטאליאן, 1'שטע ספעציעלע קרעפטן גרופע (עירבאָורן). סטעף סארדזשענט טעקסטאר האט טראגיש פארלוירן זיין לעבן אין דינסט אום יולי 15, 2018 בשעת ער האט דורכגעפירט קאמף אפעראציעס אין מוסול, איראק. סטעף סארדזשענט טעקסטאר האט אנגעהויבן די ספעציעלע קרעפטן קוואליפיקאציע קורס אין מאי 2005, און ער האט זיך פארדינט די געשעצטע 'גרינע בערעט' אין נאוועמבער 2006. סטעף סארדזשענט טעקסטאר איז באעהרט געווארן מיט די בראנזע שטערן מעדאל, פוירפל הארץ מעדאל, די שאצבארע דינסט (Meritorious Service) מעדאל, נאציאנאלע פארטיידיגונג דינסט מעדאל, די איראק קאמפיין מעדאל מיט קאמפיין שטערן, גלאבאלע קאמף קעגן טערער דינסט ( Global War on Terrorism Service) מעדאל, NCO פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג שטרייף ( NCO Professional Development Ribbon) מיט די ציפער "2" דעוווייס, ארמיי דינסט שטרייף (Army Service Ribbon), אויסלענדישע דינסט שטרייף (Overseas Service Ribbon) קאמף פיס-סאלדאט בעדזש ( Expert Infantryman Badge) פאראשוטער בעדזש (Ranger Tab) און די ספעציעלע קרעפטן טעב ( Special Forces Tab). סטעף סארדזשענט טעקסטאר איז געבוירן געווארן אין שעטאַקוועי קאונטי וואו ער איז געגאנגען צו די רענדאלף צענטראל היי סקול, שפילנדיג פוטבאל, ספארטס קאמף און טרעק. דער געזעץ איז פארלאנגט געווארן דורך רענדאלף טאון, מיט אן איינשטימיגער באשלוס, ווערנדיג אנגענומען אלץ אן אפיציעלע רעזאלוּשען צו פארלאנגען דעם געזעץ.

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש מ. בארעלאָו האט געזאגט,** "סטעף סארדזשענט טעקסטאר איז געווען א קוראזשפולע און גאר אויסגעצייכנטער 'גרינע בערעט' וועמען'ס לעבן איז טראגיש פארלוירן געווארן בשעת ער האט געדינט אונזער לאנד אין איראק. מאכנדיג רוּט 394 פאר אן אנדענק אין זיין נאמען וועט דינען אלץ אן אנערקענונג צו אים און א דערמאנונג פאר אלע וועלכע פארן אריבער אז א ווייטאגליכע פרייז איז באצאלט געווארן אונז צו היטן."

א נייער געזעץ (S.8305A/A.9351-A) דעזיגנירט א חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם אין די ווילדעזש אָוו קעלעדאָוניע, ליווינגסטאן קאונטי, אלץ די "צווייטע וועלט קריגג ראפּאָון ברידער מעמאריעל הייוועי" (WWII Rapone Brothers Memorial Highway). די דעזיגנירונג וועט באעהרן די ראפּאָון פאמיליע און זייערע זעקס פאמיליע מיטגלידער וועלכע האבן געדינט דורכאויס די צווייטע וועלט קריג. פּרייוועט פעטסי א. ראפּאָון איז געהרג'ט געווארן אין קאמף אין 1944, באקומענדיג די פוירפל הארץ מעדאל נאך זיין טויט. סימען פוירסט קלעס ראַקי א. ראפּאָון איז פארוואונדעט געווארן אין די פאציפישע טעאטער אין 1945. פּרייוועט דזשארדזש ראפּאָון, פּרייוועט פּיטער ראפּאָון און סימען לואיס ראפּאָון זענען פארוואונדעט געווארן נעבן די ברעג פון אנציאָ, איטאליע. סארדזשענט דזשאָוסעף ראפּאָון האט אויך געדינט אין מיליטער.

**סטעיט סענאטאר פעטריק מ. געליוען האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי קען קיינמאל נישט באמת צוריקצאלן די ראפּאָון פאמיליע פאר די דינסט וואס זיי האבן צוגעשטעלט און פאר די קורבנות וואס זיי האבן מקריב געווען פאר די פארטיידיגונג פון אונזער לאנד. רופנדיג די הייוועי אין די נאמען פון די ראפּאָון ברידער אנערקענט זייער איבערגעגעבנקייט צו זייער פליכט אלץ מיטגלידער פון די 'גרעיטעסט דזשענערעישען' (די געוואלדיגסטע דור)."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארדזשארי בוירנס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו וואוינען אין קעלעדאָוניע וואס איז די היימשטאט פון די ראפּאָן ברידער. זייער פאטריאטישקייט, העלדישקייט און דינסט פון אונזער לאנד איז ברייט באקאנט אין די קאמיוניטי און פארדינט זיך צו אנערקענט ווערן."

א נייער געזעץ (S.7903B/A.9068-B) דעזיגנירט די בריק העכער די מערב צווייג פון די דעלעווער טייך אויף סטעיט רוט 206 צווישן Delaware Street און Stockton Avenue אין די טאַון אָוו וואלטאן, דעלעווער קאונטי, אלץ "פוירסט ליוטענאנט סטעפען ה. דאָועין מעמאריעל בריק" (First Lieutenant Stephen H. Doane Memorial Bridge). דאס וועט באערן פוירסט ליוטענאנט סטעפען ה. דאָועין וואס האט געדינט אלץ א פּלאטון פירער מיט קאמפאני B, 1'שטע באטאליאן, 5'טע פיס-סאלדאטן רעדזשימענט, 25'סטע פיס-סאלדאטן דיוויזיע אין האַו ניע פראווינץ אין די וויעטנאם רעפובליק. זיין קאמפאני האט דורכגעפירט א טאקטישע אפעראציע וואס האט איבערראשט א פיינטליכע קראפט וואס איז געווען באהאלטן אין באשיצטע בונקערס און גרובער. טייל פון זיינע בעסטע סאלדאטן זענען שווער פארוואונדעט געווארן אדער געשטראנדעט געווארן דורך פיינטליכע פייער. פוירסט ליוטענאנט דאָועין האט אונטערגענומען שנעלע און אנטשיידענע שריט, ראטעווענדיג געשטראנדעטע סאלדאטן אין שלאכט. ער האט מקריב געווען זיין אייגענע לעבן אין א לעצטע געיעג, מיט זיין אויסערגעווענטליכע און זעלבסטלאזע טאט ערמעגליכנדיג זיין קאמפאני צו ראטעווען די געשטראנדעטע מענער אן נאך אומגעקומענע. די קוראזש וואס איז ארויסגעוויזן געווארן דורך ליוטענאנט דאָועין האט אינספירירט זיינע סאלדאטן, און עס איז געווען פון די העכסטע טראדיציעס פון די פאראייניגטע שטאטן ארמיי פאר וועלכע ער איז באעהרט געווארן מיט די קאנגרעסיאנאלע מעדאל פון עהרע, זייענדיג דער איינציגסטער צו באקומען די מעדאל פון עהרע אין דעלעווער קאונטי.

**סטעיט סענאטאר מייק מאַרטוּטשי האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין בעסערע טאג צו באעהרן אן אמעריקאנער העלד ווי היינט, און איך בין אזוי שטאלץ צו זיין א חלק פונעם זיכער מאכן אז פוירסט ליוטענאנט סטעפען ה. דאָועין באקומעט די אנערקענונג וואס ער פארדינט זיך אזוי ערליך. איך באדאנק אסעמבלי מיטגליד ענדזשעלינאָו פאר זיין שותפות אויף די ביל און גאווערנער האקול פארן עס אונטערשרייבן. פוירסט ליוטענאנט דאָועין איז א ביישפיל פון די ווירדן פון איבערגעגעבנקייט, עהרע און געטריישאפט פאר זיין לאנד, און יעצט וועלן זיין פאמיליע און קאמיוניטי מיטגלידער האבן א פערמאנענטע אנדענק פון זיין קוראזשפולע דינסט פון אונזער לאנד."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָוסעף ענדזשעלינאָו האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין גרעסערע ליבשאפט דערפון, אז איינער גיבט אוועק זיין לעבן פאר זיינע פריינט. ליוטענאנט סטעפען ה. דאקועין איז א ביישפיל פון די סארט מסירות נפש; זיינע העלדישע אקטן האבן גאראטעוועט די לעבנס פון די יונגע סאלדאטן וועם ער האט געפירט דורכאויס אן אטאקע אין וויעטנאם. איך האף אז דאס א נאמען געבן פאר די בריק גיבט אביסל טרייסט פאר זיינע פאמיליע מיטגלידער אז סטעפען וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן. איך מוטיג די אין וואלטאן און אלע וועלכע פארן אריבער די בריק צו לערנען איבער די העלדישקייט פון ליוטענאנט דאָועין."

א נייער געזעץ (S.8085C/A.9046-B) דעזיגנירט א חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם, באשטייענדיג פון סטעיט רוט 21 פון די אינטערסעקשען מיט סטעיט רוט אין קענענדעיגווא אין אָנטאַריאו קאונטי אלץ די "ראלף קאלאבריז מעמאריעל הייוועי" (Ralph Calabrese Memorial Highway). ראלף ענטאני קאלאבריז האט געדינט פאר צוויי יאר דורכאויס די קארעאנע קריג, באקומענדיג א רייע מעדאלן, אריינרעכענענדיג די בראנזע שטערן, קארעאנע דינסט מעדאל און די קעמפער פיס-סאלדאטן בעדזש (Combat Infantry Badge). קארפארעל קאלאבריז איז געווען שטארק איבערגעגעבן צו וועטעראנען אנגעלעגנהייטן און צו זיין קאמיוניטי, קעמפנדיג שטארק צו אפן האלטן די קענענדעיגווא VA מעדיקעל צענטער ווען די פאראייניגטע שטאטן פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן ( Department of Veterans

Affairs, VA) האט רעקאמענדירט עס צו פארשפארן אין די 1990'ער. זיינע באמיאונגען האבן געהאלטן די VA אפן, און ביז היינט שטעלט עס צו קעיר פאר אנדערע וועטעראנען.

**סטעיט סענאטארשע פאמעלא העלמינג האט געזאגט,** "מר. קאלאבריז איז געווען אן אמעריקאנער העלד, א שטייפער שתדלן פאר אנדערע וועטעראנען און א גוטע פריינד מיינער. דעזיגנירנדיג די 'ראלף קאלאבריז מעמאריעל הייוועי' איז א סימבאל פון אונזער אייביגע דאנקבארקייט און רעספעקט. איך בין געווען שטאלץ צו איינגעבן דעם געזעץ און צו ארבעטן צוזאמען מיט אסעמבלי מיטגליד גלעהען עס צו ברענגען צו ווערן אונטערגעשריבן. א דאנק פאר מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור און פאר גאווערנער האקול פאר זייער שטיצע."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעף גלעהען האט געזאגט,** "ראלף א. קאלאבריז'ס געטרייע דינסט פאר אונזער לאנד און זיינע באמיאונגען צו שטיצן אונזערע וועטעראנען זענען באמת ווערט צו אויסגעלויבט ווערן, און עס איז צוליב אים אז קענענדעיגוואו VA מעדיקעל צענטער האט געקענט פארזעצן זייער וויכטיגע ארבעט אין שטיצע פון אונזערע מיליטער מיטגלידער. איך בין דאנקבאר צו זעהן דעם געזעץ ווערנדיג אונטערגעשריבן צו מאכן אן אנדענק פון זיין ירושה פאר צוקונפטיגע דורות."

א נייער געזעץ (S.8681A/A.8535-A) דעזיגנירט א חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם, רוּט 259 צווישן לעיק אָנטאַריאָ סטעיט פארקוועי אין די טאַון אָוו פּאַרמא און צווישן Dunbar Road, אלץ די "ספעציאליסט דזשעיסאן העסענאַווער מעמאריעל הייוועי" ( Specialist Jason Hasenauer Memorial Highway). פּרייוועט דזשעיסאן העסענאַווער איז געהרג'ט געווארן אין 2005 נאך א באמבע אויף גאס האט איבערגעדרייט זיין טרעקל אין קאנדאהאר, אפגאניסטאן. ער איז געהעכערט געווארן אין ראנג צו ספעציאליסט פוירסט קלעס נאך זיין טויט.

**סטעיט סענאטאר דזשערמי א. קוּני האט געזאגט,** "לאקאלע וועטעראנען און העלדן, ספעציאליסט דזשעיסאן העסענאַווער און סארדזשענט גערי בעיקירטש, ווערן באאהערט און געדענקט מיט די אונטערשריפט פון דעם געזעץ. די אקטן פון אנערקענונג זענען בכוונה צו אנערקענען די העלדישקייט וואס יעדער פון זיי האט ארויסגעוויזן ביים דינען אונזער לאנד. איך בין שטאלץ צו האבן איינגעגעבן די געזעצן, און איך דאנק גאווערנער האקול פארן זיי אונטערשרייבן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאש דזשענסען האט געזאגט,** "גערי בעיקירטש איז אן אמת'ער אמעריקאנער העלד וועמען'ס העלדישקייט און קוראזש אין שלאכט האט זיך אים פארדינט די מעדאל פון עהרע, אבער זיין דינסט פאר אנדערע האט פארגעזעצט ווייטער אזוי ווי ער האט איבערגעגעבן זיין לעבן צו העלפן אנדערע, און דאס אנרופן א טייל פון Latta Road, אין די הארץ פון גריס טאַון וואו ער האט געוואוינט, אין זיין נאמען איז אן עדות צו די השפעה וואס ער האט געהאט אויף צאללאזע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי. רופנדיג א חלק פון North Avenue אין עהרע פון ספעציאליסט דזשעיסאן העסענאַווער אין די טאַון אָוו פּאַרמא איז א פאסיגע כבוד פאר א קאמיוניטי מיטגליד וואס האט מקריב געווען זיין לעבן פאר זיין לאנד. צו עס איז געווען זיין מיליטער דינסט אלץ סאלדאט אין די ארמיי אדער אלץ וואלונטיר פייערלעשער מיט די הילטאן פייער דעפּארטמענט — האט ער אייביג געלייגט זיין דינסט קודם, און מיט די דעזיגנירונג וועלן זיין דינסט און מסירות נפש קיינמאל נישט פארגעסן ווערן."

א נייער געזעץ (S.9028/A.10110) דעזיגנירט א חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם, רוּט 18 אין די טאַון אָוו גריס, מאנראו קאונטי, אלץ די "סארדזשענט גערי בעיקירטש מעמאריעל הייוועי" ( Sergeant Gary Beikirch Memorial Highway). סארדזשענט בעיקירטש איז געווען א וויעטנאם וועטעראן וואס האט באקומען די מעדאל פון עהרע, אן אנגעזעהענער בירגער און איבערגעגעבענער מיטגליד פון זיין קאמיוניטי. גערי איז געשאנקען געווארן די מעדאל פון עהרע פאר זיינע אקציעס וואס ער האט דורכגעפירט בעפאר דעם אין וויעטנאם ביי די באָק-סאנג קעמפּ, וואו ער האט פארטיידיגט די אנדערע

סאלדאטן, וויעטנאמע קאמראדן און וויעטנאמע ווילעדזש איינוואוינער, ראטעוועוודיג לעבנס אין די צייט וואס ער האט אריינגעכאפט לעבנ'ס סכנות'דיגע וואונדן. דערנאך האט ער פארגעזעצט צו איבערגעבן זיין לעבן פאר זיין קאמיוניטי און דינען אנדערע. פאר איבער 30 יאר איז ער געווען א מיטל-סקול קאונסעלאר פאר די גריס סקול דיסטריקט, טווישנדיג די לעבנס פון טויזנטע פון די סקול קינדער מיט וועם ער האט געארבעט אויף א טאג-טעגליכן פארנעם. סארדזשענט בעיקירטש איז אויך געווען צווישן די גרינדער פון די וועטעראנען אַוטריטש צענטער (Veterans Outreach Center) וואס האט געדינט און זעצט פאר צו דינען וועטעראנען אין מאנראו קאונטי און ארום די גאנצע ראיאן מיט יעדע נויט מיט וואס זיי קענען זיך נאר אנטרעפן אזוי ווי זיי פרובירן זיך צוריק צו איינגלידערן אין די געזעלשאפט און טרעפן אביסל נארמאלקייט אין זייערע טעגליכע לעבנס.

א נייער געזעץ (S.8688A/A.9653-A) דעזיגנירט א חלק פון די סטעיט הייוועי סיסטעם, באשטייענדיג פון די בריק אויף Merritts Road צווישן Langdon Road און Northwest Drive, לויפנדיג העכער די בעטפעידזש סטעיט פארקוועי אין די טאַון אָוו אויסטער בעי, נעסאו קאונטי, אלץ די "טרופער דזשאן דזש. לעין מעמאריעל בריק" (Trooper John J. Lane Memorial Bridge). טרופער דזשאן דזש. לעין איז געווען א פאראייניגטע שטאטן ארמיי וועטעראן פון די ערשטע וועלט קריג, און ער האט געדינט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי פאר זעקס יאר. טרופער לעין איז באעהרט געווארן מיט 'לעיני די K9 הונט' ווערנדיג גערופן נאך אים פאר זיין געטרייע דינסט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי. לעיני די K9 האט געדינט אין די דראגס איינהייט צו אויפכאפן דראגס און באשיצן די אגענטן.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו באעהרן די לעבן און ירושה פון טרופער דזשאן דזש. לעין, א געפאלענער ערשטע וועלט קריג וועטעראן און א ניו יארק סטעיט פאליציי מאן, דורכן דעזיגנירן א חלק פון די סטעיט הייוועי אלץ 'טרופער דזשאן דזש. לעין מעמאריעל בריק', און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין געזעץ און דאס ערמעגליכן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן מיקולין האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן אריינגעגעבן דעם געזעץ פאר די איינוואוינער פון אויסטער בעי צו געדענקן דיביישטייערונג, לעבן און ירושה פון טרופער דזשאן לעין און אין שטיצע פון אלע פון די שווער ארבעטנדע און געטרייע ניו יארק סטעיט פאליציי. אונזערע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן טוהען אזויפיל צו באשיצן און דינען אונזער קאמיוניטי, און אלץ אונזער סטעיט'ס פירנדע פאליציי אגענטור, שטעלן טרופערס ווי טרופער לעין אוועק די סטאנדארט פון אויסגעצייכנקייט גאר הויך אין געזעץ אינפארסירונג. מיר זענען דאנקבאר פאר זייער דינסט און מיר דאנקען זיי פארן העלפן מאכן אונזערע קאמיוניטיס זיכערער."

א נייער געזעץ (S.8726A/A.10024-A) דעזיגנירט א טייל פון די סטעיט הייוועי סיסטעם, סטעיט רוט 283, פון די אנהויב אין די טאַון אקוו פאמעליע, דזשעפערסאן קאונטי, ביי די וואטערטאון סיטי ליניע, פארזעצנדיג אין די ריכטונג פון צפון-מזרח מיט די ענדע פון די אינטערסעקשען מיט סטעיט רוט 342 אין לע רעי טאון, דזשעפערסאן קאונטי, אלץ די "קאלאנעל מייקעל פלאָמער מעמאריעל הייוועי" ( Colonel Michael Plummer Memorial Highway). קאלאנעל מייקעל פלאָמער איז געווען אן אפיציר און אן אריינגעבויטע טייל פון די מאדערנע 10'טע בארג דיוויזיע. קאלאנעל פלאמער איז געשיקט געווארן צו פארט דראַם אין דעצעמבער 1984 אלץ דער ערשטער טשיף אָוו סטעף פון די נייע 10'טע בארג דיוויזיע (לייכטע פיס-סאלדאטן) וואס איז צוריק געעפנט געווארן אום פעברואר 3, 1985. ער האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אינעם אויפשטעלן און ארגאניזירן די נייע דיוויזיע און צו אנהויבן קאנסטרוקציע אויף איבער 1 ביליאן דאלאר אין די ערשטע אינפראסטרוקטור צו שטיצן די נייע איינהייט ביי פארט דראַם. ער איז געווען פאראנטווארטליך פארן אויפשטעלן, טרענירן און רוקן די נייע בריגאדע פון דזשארדזשיע צו איר עמטליכע היים אין אפסטעיט ניו יארק. קאלאנעל פלאָמער איז געווען אקטיוו אריבער די נאָרט קאנטרי קאמיוניטי, שטייענדיג אין שפיץ פון די "אדאפטירט א 10'טע בארג פלאטון" ( Adopt a 10th Mountain Platoon) פראגראם, און ער האט געעפנט און אנגעפירט א "סאלדאט 101" פראגראם וואס ערמעגליכט

פאר לאקאלע קאמיוניטי מיטגלידער צו פארברענגען א טאג און פעלד טרענירונג און לערנען וויאזוי עס איז צו זיין א סאלדאט אין די 10'טע בארג דיוויזיע (לייכטע פיס-סאלדאטן) אין פארט דראָם צו פארמערן די פארשטענדעניש צווישן די לאקאלע ציווילע קאמיוניטי און זייערע מיליטער שכנים. קאלאנעל פלאָמער האט אריבערגעפירט זיין קאריערע מאכנדיג סאלדאטן און זייערע פאמיליעס'ס לעבנס בעסער, און ער האט זיך איבערגעגעבן צו באשיצן און פארשטערקערן פארט דראָם.

**סטעיט סענאטארשע פעטי ריטשי האט געזאגט,** "קאלאנעל פלאָמער האט איבערגעגעבן זיין לעבן צו פארבעסערן זיין לאנד און זיין קאמיוניטי. איינס פון זיינע גרעסטע פריאריטעטן איז געווען צו פארשטערקערן די קשר צווישן פארט דראָם און די וואטערטאַון קאמיוניטי. אנרופנדיג די גאס וואס פארבינדט די צוויי פלעצער אין זיין נאמען איז א פאסיגע עהרע, און עס וועט זיכער מאכן אז די פילע ביישטייערונגען וואס ער האט געמאכט ווערן קיינמאל נישט פארגעסן."

**אסעמבלי מיטגליד קען בלענקענבוש האט געזאגט,** "זינט די טאג וואס איך האב געטראפן קאלאנעל מייק פלאָמער ביי ראָוטערי אין די 1980'ער, זענען ער און זיין פאמיליע געווען שטייפע שתדלנים פאר די 10'טע בארג דיוויזיע און פארט דראָם. עס איז אן עהרע צו האבן געברענגט דעם געזעץ צו די אסעמבלי צו א נאמען געבן פאר דעם חלק פון רוט 283 אלץ אן אייביגע אנדענק אין זיין נאמען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418